# אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען

24 July 1840 - 9 January 1908


יאַנקעלע געהט אין שוהל אַריין ........ 2

פֿאַריאָמערט פֿאַרקלאָגט ........ 3

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען ........ 5

אַ פּורים־ליד ........ 6

צו דײַן געבורטסטאָג ........ 7

שטעה אויף מיין פֿאָלק ........ 8

דאָס בוימעלע ........ 9

שולמית ביים ברונעם ........ 12

## יאַנקעלע געהט אין שוהל אַריין

1

עלענד, קליין און נמאם, איז יאַנקעלע, גאָטעס זוהן,
און ווי פֿיינד האָבען איהם די אומות,
איהם קענען זיי גאָר ניט טהון,
גבורים מיט זייער גבורה,
קאָנען ניט געגען איהםביישטעהן.
וויפֿיעל מאָל ביי ווילדע טהירע, איז ער געלעגען אין די צייהן,
וויפֿיעל מאָל איז שוין געהאַנגען, איבער איהם די שאַרפֿע שווערד;
וויפֿיעל מאָל פֿלעגט מען פֿערלאַנגען, איהם אויסמעקען פֿון דער ערד.
איהם העלפֿט פֿון אַלע סכנות, עס זאָל איהם גאָר ניט זיין;
פֿאַסט יאַנקעלע אַ תענית, און געהט אין שוהל אַריין.

2

דעם שונא צו בעפֿאַהלען, קלייבט מען העלדען אויס.
מען גרייט אָן שפּיזען, פֿיילען, חיל גאָר אַ גרויס.
ער דאַרף קיין שווערד אַפֿילו, פֿאַסטען איז זיין געוועהר.
תשובה, צדקה ותפֿלה, דאָס איז זיין מיליטער.
זיין זיפֿץ פֿון גאַנצען האַרצען, שיסט ביז אין הימעל אַרויף.
ווי שופֿרות הילכט זיין קרעכצע, מלאכים וועקט ער אויף.
זיי האַלטען פֿאַר איהם מלחמה, די שונאים נעהמט ער איין;
און ברייגגען איהם די נחמה, גלייך אין שוהל אַריין.

3

דער טיגער איז פֿון איהם מילדער, קיין טיגער פֿרעסט ער ניט.
דער מענש איז פֿון איהם ווילדער, ער טרינקט נאָר מענשען־בלוט!
וואָס מענשען שטעלט צופֿרידען, וואָס אַ רשע המן קען,
טויטען טויזענדער אידען, מיט איין קריץ פֿון דעם פּען.
לויפֿערס לויפֿען און יאָגען, עס ברענט אויף זיי די הויט.
זיי לויפֿען שנעל און טראָגען, אין די בריף דעם שרעקליכען טויט.
איהר וועט איהם שוין נישט טויטען, צערשטערט איז אייער פּלאַן;
ווייל יאַנקעלע געהט יעצט בעטען, גלייך אין שוהל אַריין.

## פֿאַריאָמערט פֿאַרקלאָגט

1

פֿאַריאָמערט פֿאַרקלאָגט,
פֿון זיין היים פֿעריאָגט,
פֿאַר זיינע גרויסע זינד.
אַזוי אומעדום בלאָנדזשעט אַרום,
פֿון גאָט דאָס פֿערשאָלטענע קינד.
אַז ער זאָל אויף קיין אָרט, ניט לאַנג בלייבען דאָרט,
נאָר געהן און ניכט ווערען מיד.
דערצו האָט איהם זיין טאַטע אלקים
געשטעמפעלט מיט דעם נאָמען איד.
זיין קאָפּ אָנצושפּאַרען בעט ער זיך איין.
האָטש ווייַן, האָטש שריי אוי וועה!
ניין, ענטפֿערט מען איהם מען לאָזט ניט אַריין,
אַ יוד ביזטו, געה ווייטער געה!

2

אויף זיין ווייטען וועג,האָט ער געהאט טעג;
עמלק האָט איהם שוין דערטאַפּט,
און די גרויסע שררעת מדי און פרס,
האָבען איהם אויך גוט געקלאַפּט.
אין שפּאַניע, אין ראָם, האָט מען איהם,
וויה אַ שוואָם, אויסגעקוועטשט און ארויסגעשטעלט;
פֿארברענט פֿון היטץ, דערשלאגען פֿון בליטץ,
פֿערפֿרוירען פֿון שרעקליכער קעלט!
און וואו אין אַ מויער ערקלאפּט נאר אָן,
הערט ער אַ געשרייא:
ווער ביזטו, וואָס האסטו גאר דא צו טהאָן.
נישטא קיין פּלאטץ פֿאר דיר געה, געה!

3

פֿרעמד בין איך ניט, איהר קענט מיך גאַנץ גיט.
איך האָב דאָקומענטען אַ סך;
מיין פּאַס דעם אַלטען, האַלט איהר בעהאַלטען.
אַליין אין דער שאַפֿע ביי אייך.
די ביבעל די פֿיינע, די איז דאָך מיינע.
ניט אמת פֿילייכט וואָס איך זאָג?
און דאָס תהלימ´ל, וואָס, ניין?
לייענט איהר אַליין איבער פֿאַר אייך אַלע טאָג.
יא, דאָס איז אמת, דאָס ווייסען מיר גוט,

דו רופֿסט זיך אָבער מיט דעם נאָמען יוד,
דיך קענען מיר גאָר ניט, געה, געה.

4

אוי  לאָזט מיך אריין, איך וועל אייך ניצליך זיין.
איך בין דאָך פֿעהיג צו אַלסדינג;
צום לערנען אַ מח, צו מלאכה אַ כח,
צום האַנדלען אַ גאנץ קלוגער יונג.
דאָס קענען אויך מיר, מיט דיר, וויא  אָהן דיר,
וויא קומסטו גאָר דען דערצו.
דוא פֿלעגסט דאָך פֿערצייטען, ערד בעאַרבייטען,
שעפֿעלאַך  פּאַסען און פֿיה?
וואו נעהמט איך היינט דעם כח וואָס אַ מאָל,
שוואַך בין איך קוים וואָס איך שטעה,
פֿון שלאָגען און יאָגען, גאָר אָהן אַ צאָהל!
אַ תירוץ איז דאָס, געה, געה!

5

וויה קענ איך זעהן, אין דער פֿינסטער צו געהן.
איך וועל וואַרטען ביז ס׳וועט אויףגעהן די זון!
בייא דער ליכטיגער שיין , קען מעגליך זיין,
וועט מען דערקענען מיר אויך ווער איך בין.
איך וועל שוין, איך שווער, ניט זינדיגען מעהר;
דאָס שווער יך דיר גאָט הייליג צו.
אבי גיב שוין איין, אין זינען אריין,
דיה פֿעלקער מיר שענקען מיין רוה!
און פֿאַר די מלכים בעט איך בייא דיר,
זאָלסט לאָזען לאַנג לעבען זייא.
מען זאָל מיר ניט שרייען מעהר, געה!

# ראָזשינקעס מיט מאַנדלען

טעקסט און מוזיק: אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען

אין דעם בית־המקדש, אין אַ ווינקל־חדר,
זיצט די אַלמנה בת־ציון אַליין;
איר בן־יחידל, ייִדעלען, וויגט זי כּסדר
און זינגט אים צום שלאָפֿן אַ לידעלע שיין:

אַ-אַ-אַ-אַ ...

אונטער ייִדעלעס וויגעלע
שטייט אַ קלאָר־ווײַס ציגעלע,
דאָס ציגעלע איז געפֿאָרן האַנדלען, -
דאָס וועט זײַן דײַן באַרוף:
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען ...
שלאָף זשע ,ייִדעלע, שלאָף ...

אין דעם לידל, מײַן קינד, ליגט פֿיל נבֿואות ...
אַז דו וועסט אַמאָל זײַן צעזייט אויף דער וועלט,
א סוחר וועסטו זײַן פֿון אַלע תּבֿואות
און וועסט אין דעם אויך פֿאַרדינען פֿיל געלט ...

אַ-אַ-אַ-אַ ...

אונטער ייִדעלעס וויגעלע
שטייט א קלאָר־ווײַס ציגעלע,
דאָס ציגעלע איז געפֿאָרן האַנדלען, -
דאָס וועט זײַן דײַן באַרוף:
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען ...
שלאָף זשע ,ייִדעלע, שלאָף ...

## אַ פּורים־ליד

מוזיק: אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען
טעקסט: מ. ריוועסמאַן

הײַנט איז פּורים, ברידער,
ס׳איז דער יום־טובֿ גרויס!
לאָמיר זינגען לידער,
גיין פֿון הויז צו הויז!
לאַך מרדכילע, לאַך,
אַ יום־טובֿל מאַך –
קינדס־קינדער געדענקען דעם נס;
זינגט, ברידערלעך, זינגט,
טאַנצט פֿריילעך און שפּרינגט,
דעם טײַערן טאָג ניט פֿאַרגעסט!

המן איז אַ רשע –
דאָס ווייסט דאָך יעדער ייִד,
אָבער גאָט, נישקשה,
שווײַגט דעם רשע ניט.
וואַרט, המן, וואַרט,
דו זײַ ניט  גענאַרט –
אַ נס האָט געטאָן מיט אונדז גאָט!
זינגט, קינדערלעך, זינגט,
טאַנצט פֿריילעך און שפּרינגט,
מאַכט, קינדערלעך, גרעסער די ראָד!

## **צו דײַן געבורטסטאָג**

טעקסט און מוזיק: אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען

צו דײַן געבורטסטאָג,
צו דײַן יום־טובֿ הײַנט
האָבן זיך פֿאַרזאַמלט
דײַנע גוטע פֿרײַנד.

הוראַ, הוראַ, מיר ווינטשן דיר,
הוראַ, הוראַ, מיר ווינטשן דיר,
מיר ווינטשן דיר, געזונט און גליק!

## שטעה אויף מיין פֿאָלק

1

שטעה אויף מיין פֿאָלק, ערוואַך פֿון דיין דרעמעל.
אין נאַרישקייט זיין ניט פֿערגלויבט,
ווי פֿריש איז דער מאָרגען, ווי לויטער איז דער הימעל;
אַלעס פֿרעהט זיך און לעבט.
ביי אַלע פֿעלקער זינד די לאָדענס לאַנג אָפֿען,
פֿון בילדונג שיינט זיי איין שיין,
פֿרישע לופֿט פֿון חכמות און האָפֿען,
שיינט זיי אין צימער אַריין.
נאָר דו, מיין פֿאָלק, ווילסט די לאָדען ניט אויפֿמאַכען,
מיט דיר, מיין פֿאָלק, איז אַן אייביג פּלאָג,
דו פֿערשלאָפֿסט די צייט, דו ווילסט ניט ערוואַכען.
שטעה אויף, מיין פֿאָלק! עס איז שוין טאָג!

2

איך הער ווי עס רוישט אין אַלע מדינות,
יעדעס פֿאָלק האָט איהר פֿירמא געבראַכט;
מען האָט געשטעלט אויף דער וועלט מבינות,
אויף יעדער ערפֿינדונג און וואָס עס ווערט געמאַכט.
דאָ זיצען מיניסטאָרען די קעפּלאַך געשליפֿען,
געזעצע פֿאַר זיין פֿאָלק מאַכען בערייט.
דאָרט דונערען קאַנאָנען, דאָרט לויפֿען שיפֿען;
מען נעהמט איין לענדער און שטעדט;
געשפּאַנט זענען דראָטען אין אַלע וועלט-עקען.
ווי שנעל טהוט אַ בריף יעצט אַ יאָג,
לאָקאָמאָטיווען פֿייפֿען און וועקען.
שטעה אויף, מיין פֿאָלק, עס איז שוין טאָג!

## דאָס בוימעלע

1

אַביימעלע האָבען אונזערע אבות אבותינו,
אין דער ווילדער וויסטעניס געפּלאַנצט.
מיט פּראַכט און שעהנקייט האָט דאָס איינע,
פֿון אַלע ביימלאַך אַרויסגעגלאַנצט;
אויך די וואָרצלען און די צווייגען,
זיס ווי טייטלען און ווי פֿייגען,
אַזוי ווי אַלע פּירות פֿון דעם לאַנד,
און אויך די קנאָספּען און די בלעטער,
בירושה פֿון אַ פֿעטער,
האָבען מיר דיס אויך אין דער האַנד.
כאָר:
יאָ, דאָס ביימעלע איז די אמונה געווען,
מיר פֿערשטעהען דאָס זעהר גוט,
און דער פֿעטער איז דאָך משה אַליין,
דער משל גלייכט זיך שטאַרק צום יוד.

2

פֿייגעלאַך פֿרייע, יונגיטשקע ריינע,
מיט זייערע פֿעדערלאַך אַ פּראַכט,
האָבען צווישען די צווייגעלאַך די קליינע,
יעדעס זיך אַ נעסטעלע געמאַכט;
דאָרטען פֿלעגען זיי פֿרעהליך פֿליהען,
זינגען שעהנע מעלאָדיען,
זיי האָבען אַזש פֿערהילכט די וועלט;
פֿון דעם פֿרעהליכען געטימעל,
האָט דער גערטנער – דאָרט אין הימעל,
אויך פֿאר גרויס פֿרייד גאָר אָנגעקוועלט.
כאָר:
יאָ, די פֿייגעלאַך זיינען די שבטים געווען,
דעם משל פֿערשטעהען מיר גוט,
און דער גערטנער איז דאָך גאָט אַליין,
דער משל גלייכט זיך שטאַרק צום יוד.

3

ניט לאַנג האָבען געדויערט די גאָלדענע צייטען,
ניט תמיד האָט דעם ביימעלע געגליקט!
ווינטען שלעכטע פֿון אַלע זייטען,
האָבען שוואַרצע וואָלקען אָנגעשיקט,

דער שטורם און דאָס שלעכטע וועטער,
האָבען אָפּגעריסען אַלע בלעטער,
דער בליץ האָט דאָס פֿערברענט מיט זיין פֿלאַם,
אַלע פֿייגעלאַך פֿאַרטריבען,
אין דער ערד איז נאָר פֿאַרבליבען,
דער איינציגער נאַקעטער שטאַם.
כאָר:
יאָ, די ווינטען, דאָס זיינען די פֿעלקער געווען,
דעם משל פֿאַרשטעהען מיר גוט,
געפֿלאַמט האָט דאָס בית־המקדש אַליין,
דער משל גלייכט זיך שטאַרק צום יוד.

4

יעצט זעהט מען די פֿייגעלאַך אַרום פֿליהען,
געפֿינען קענען זיי זיך קיין אָרט,
וואו נאָר זיי ווילען זיך אַ ביסעל אויסרוהען,
פֿערטרייבען זיי רויב־פֿייגעל פֿון דאָרט;
ווילען זיי נאָר אין איין אָרט פֿערבלייבען,
פֿליהען אָן די שוואַרצע ראַבען
און פֿליקען זייערע פֿעדערלאַך אויס,
ווילען זיי עסען נאָר איין קערענדעל,
האַפּען זיי אַ פּיק אין שטערענדעל,
ביז עס רינט דאָס גאַנצע בלוט פֿון זיי אַרויס!
כאָר:
יאָ, די פֿעדערלאַך זיינען זעהר גוט און שעהן,
דעם משל פֿערשטעהן מיר גוט,
די ראַבען דאָס זיינען די שונאים אַליין,
דער משל גלייכט זיך שטאַרק צום יוד.

5

וועה דעם פֿון זיין היים וואָס איז פֿאַרטריבען,
גוט איז נאָך די פֿויגעלאַך און וואויל,
וואָס פֿון דעם בוים איז זיי נאָך פֿערבליבען,
אַ בלעטעל אַ זיס אין זייער מויל;
די וואָס האַלטען אין מויל די בלעטער,
קענען נאָך האָגען אויף בעסערע וועטער,
די זון קען נאָך שיינען, ווער ווייסט?
דער אַלטער בוים קען נאָך אויפֿבליהען,
יעדער קען נאָך קומען צו פֿליהען
צוריק אין זיין רוהיגער נעסט.
כאָר:
יאָ, די נעסט איז, דאָך ירושלים געווען.

דעם משל פֿאַרשטעהען מיר גוט,
דאָס בלעטעלע איז דאָך די תורה אַליין,
דער משל גלייכט זיך שטאַרק צום יוד.

# שולמית ביים ברונעם

## Shulamith at the Well (From the Opera "Shulamith")

Abraham Goldfaden: Text and Music (1840-1908)
Arr. for Piano: Henry A. Russotto (1867-1922)

| | |
|---|---|
| Ach was seh ich dort? | אַך וואָס זעה איך דאָרט? |
| Ich glaub nit meine augen. | איך גלויב ניט מיינע אויגען. |
| Zi is dos a traum? | צו איז דאָס אַ טרוים? |
| A brunen seh ich dort. | אַ ברונעם זעה איך דאָרט. |
| Nein dos is kein traum, | ניין, דאָס איז קיין טרוים, |
| es is awekgefloigen, | עס איז אַוועקגעפֿלויגען, |
| a brunen fol mit wasser | אַ ברונעם פֿול מיט וואַסער |
| seh ich dort. | זעה איך דאָרט. |

| | |
|---|---|
| Ach was seh ich dort? | אַך וואָס זעה איך דאָרט? |
| Ich glaub nit meine augen. | איך גלויב ניט מיינע אויגען. |
| Zi is dos a traum? | צו איז דאָס אַ טרוים? |
| A brunen seh ich dort. | אַ ברונעם זעה איך דאָרט. |
| Nein dos is kein traum, | ניין, דאָס איז קיין טרוים, |
| es is awekgefloigen, | עס איז אַוועקגעפֿלויגען, |
| a brunen fol mit wasser | אַ ברונעם פֿול מיט וואַסער |
| seh ich dort. | זעה איך דאָרט. |